היינט 10 זייטן

**Radomer-Kielcer Leben**

7 (247) VI-טער יאָהרגאַנג.

Radom ראַדאָם

ה' אדר א' ... 1929 Lutego ...

פרייז 25 גראָשען

Redakcja i Administracja Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַבאָנעמענט פרייז!


# ראַדאָמער-קעלצער לעבן

Z intencji zaręczyn naszej ciotki

p. Frani Hochbaum

z p. E. Ickokiwiczem

życzymy im wiele szczęścia i wiecznego zadowolenia.

Moniek i Samek Sztrozberg Kielce.

---

Frania Hochbaum Radom

Ejzyk Ickowicz Miechów

**Zaręczeni**

w Lutym 1929 r.

---

Z intencji zaręczyn siostry i szwagierki naszej

Frani Hochbaum

z p. E. Ickowiczem

życzymy wiele szczęścia i wiecznej harmonji.

*Józefostwo Sztrozberg* Kielce.

---

## די גראַטולירונג.

ווייל מיר דריקען אויס אונזער דאַנק די מיטגלידער פון דער באַנק דיסקאָנטאָווע אין קעלץ, וואָס האָבען אנטייל גענומען אין דער יעהרליכער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון דער אַבינגער באַנק, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 2|3 ד. י. פאר זייער בעשלוס צו סובסידירען די געזעלשאַפט „טאָז" אין קעלץ מיט 50 זל.

מיר ווינשען זיך, אז אלע יודישע עהנליכע אינסטיטוציעס אין קעלץ זאָלען נעמען א ביישפיעל פון אַזעלכען בעשלוס און וואָס מעהר סובסידירען אונזער אַזוי נוצליכער אינסטיטוציע פאר דער יודישער בעפעלקערונג אין קעלץ.

די פערוואַלטונג פון דער געזעל. „טאָז"

:—: :—: אין קעלץ. :—: :—:

---

„ישיבת חכמי לובלין"

## קאָמוניקאַט.

אויף דער צווייטער וואָך קומט קיין ראַדאָם, דער געעהרטער און בעליבטער רעדנער, הרב הגאון ר' משה חיים לוי שליט"א אב"ד עפעריעס (טשעכאָסלאָוואקאי) — פריהערדיגער שאַבער רב אין בעגלייטונג פון א מיטגליד פון בוי-קאָמיטעט און לובלינער דאַנער ה' שלמה האלבערשטאַדט ער וועט האלטען א אינטערעסאַנטען רעפעראט א. ד. ט. „די בעדייטונג פון גרינדען גרויסען צוזאַמענגעזעצטע ...טען בנין ישיבת חכמי לובלין".

דער ארגאַניזיר-קאָמיטעט

פון „ישיבת חכמי לובלין"

אין ראַדאָם.

---

WSPÓŁPRACOWNIKOM NASZYM *Chatkowi i Mojżeszowi*

z powodu przedwczesnego zgonu brata ich

B. P.

**Zecharjasza Wajsmana**

wyrażamy szczere współczucie

**Nauczyciele nauk świeckich**

przy „Talmud-Torze" w Radomiu.

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חבר

גיטמאַן ראַקאָמש צוליב'ן טויט פון זיין מוטער

# רבקה נ"ע

ברודער דוד און מענדיל גאָלדבערג

לייביל קופערבערג, שמואל זילבערבערג

---


פיינסטע פלאַנצען-פוטער

כשר שרון, פרימא, אגוז,

אמאַדאר-מנורה-כשר

היגיעניש · נאַרהאַפטיג

בעשאַנקען

מיט 6 גאָלד-מעדאַלען




היט אייך פאַר

פאַלסיפיקאַטען!!!

לעצטענס האָבען זיך

אויפ'ן ראַדאָמער מארק

בעוויזען פערשלאַזע

פוטערען נאָכגעמאכטע

פאַלסיפיקאַטען. גיט אכ-

טונג ביים קויפען אויף

אונזערע שוץ-מארקע

„אמאַדא"

AMADA

# „היימאט'ס-קלאנגען"

## געווידמעט לייב יפה'ן, צו זיין אנקומען קיין ראדאם.

...אין דעם טאג, וואס דער אלטער רב זכרונו לברכה איז אוועקגעפאהרען קיין ארץ-ישראל, איז קיין קינד אין וויג נישט געבליבען. דאס גאנצע שטעטל איז ארויס זיך געזעגענען מיט איהר מרא-דאתרא, דער בית המדרש איז געווען פול געפאקט און אויפ'ן שול הויף זענען פול הונדערטער מענשען געשטאנען און אפגעווארט דעם אלטען רב, וועלכער האט אין בית-המדרש הגדול זיין לעצטע דרשה אין גלות פעהאלטען וועגען דעם לאנד וואוהין ער פאהרט איצט. צום סוף האט, דער רב דעם ארון הקודש געעפענט, געזע-גענט זיך מיט יעדער ספר-תורה באזונ-דער און האבענדיג פארענדיגט זיין לעצ-טע דרשה, אליין געשוואוירען און געפאַ-דערט דעם גאנצען עולם, ווי איין מענש צו שווערן: „אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני".

פון בית-המדרש איז דער רב זכרונו לברכה אויפן וואגען ארויף, מ'האט די פערד אויסגעשפאנט, דעם וואגען אויף הינדערטער אכסלען אויפגעהויבען און חייט אונטערען [illegible] אוועקגעטראַ-גען ביז סהאט זיך שוין דער ברייטער שליאך אנגעהויבען און דאס שטעטעל איז שוין [illegible]...

„אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני" זענען געווען די לעצטע געזעגנונגס ווערטער פון פאליבטען גאון, ביי [illegible] [illegible] בעגלייטער, אין יאך לאנג לאנג האבען די קלאנגען געהילכט אין דער לופט, ביז דער וואגען מיט'ן אפפארענדיגען זענען פארשוואונדען געווארען...

אין מיין פריהסטער יוגענד האב איך די ערצעהלונג געהערט צוזאמען מיט אנדערע לעגענדעס פון מיין ליבהאר-ציג שטעדטעל. די לעגענדע פון רב, וואס איז קיין ארץ-ישראל אוועק איז געווארען א ווירקליכקייט, פערוואנדעלט און פערבונדען מיט א שטיק ארץ-ישראל געשיכטע.

דער גאון וואס איז אויף דער על-טער קיין ארץ-ישראל אוועק, דאס איז דער ראזינאווער רב ר' מרדכי גימפעל יפה געווען, דער זיידע פון אונזער ליבהארציגען גאסט לייב יפה פון ארץ-ישראל.

א סך רבנים זענען אויף דער על-טער קיין ארץ-ישראל געפאהרען שטאר-בען, נאר ר' מרדכי גימפל יפה איז געווען איינער פון די ערשטע, וואס האבען פערשטאנען, אז אין ארץ-ישראל דארף זיין א לאנד פון לעבען, און נים א בית-חקברות פאר די, וואס האבען דאס גאנצע לעבען פערבראכט אין גלות.

ער איז געווען איינער פון די ערשטע אונזערע רבנים, וואס האבען פערשטא-נען, אז נור דורך ארבייט אין ארץ-ישראל און פאר ארץ ישראל קענען מיר אויסגעלייזט ווערען און מיר זע-העלן איהם פון איין זייט ארויסטרעטען



לייב יפה

מיט פייערדיגע מאמרים אין „הלבנון" און גלייכצייטיג נעמט ער ארויס די יודישע קאלאניסטען פון דער קאלאניע ביי ראזינאי (גראדנער גובערניע). פירט זיי איבער קיין ארץ-ישראל און דורך זיי ווערט אויפגעבויט „עקרון". ר' מרדכי גימפל יפה בעזעצט זיך אין „יהוד" און פערענדיגט זיינע יאהרען על התורה ועל העבודה...

לייב יפה, דאס דריטע אייניקעל פון גרויסען זיידען, איין גאלדענע קייט, וואס ציהט פון „חבת-ציון" ביז „חובת ציון", פערבינדט זיי ביידען, און אז איהר טראכט זיך אריין ווי ס'ענדיגט זיך די תקופה פון זיידען, און ווי עס הויבט זיך אן די פון אייניקעל, בלייבט איהר שטעהן און ווייסט נישט, ווי און וואו אוועקשטעלען די גרעניצען..

חייל ס'איז נישטא דא קיין גרעניץ אין ים פון ליבע און מסירת נפש פאר'ן פאלק און לאנד, וואס איז איבערגעגאנגען בירושה אין בלוט און מארך פון דעם גאונישען זיידען צו דעם גרויסען דיכטער און בויער דעם אייניקעל...

ס'האבען זיך צוויי תקופות, אפשר די ערהאבענסטע און שענסטע אין אונ-זער געשיכטע געטראפען און זענען פערקערפערט געווארען, אין אונזער לייב יפה.

...די מסירות נפש און ראמאנטיק, פון דער ערשטער גאלדענע תקופה אין ציוניזם אין די אמת'ע אפפערוויליגקייט פון דעם גייסטען בוי-פעריאד פון ארץ-ישראל האבען זיך פעראייניגט אין דער פערזאהן פון לייב יפה.

מ'וואונדערט זיך, ווי קומט א דיכטער אזוי גוט און גראנדיעז אויפפאסען אזא גרויסע פראקטישע ארבייט פון „קרן-היסוד". ער דער מענש פון גייסט, פון די „שבילין דרקיע" זאל אזוי טיף אריינדרינגען אין דער טאג-טעגליכער ארבייט פון ארץ-ישראל-אויפבוי, מיט איהר ליכט און שאפען, פריידען און ליידען.

נאר ס'איז קיין ווינדער נישט, לייב יפה דינט זיין פאלק אין פערלויף פון זיין גאנץ לעבען בכל לבבו ובכל נפשו און דארט וואו ס'איז דא אמת'ע אויפריכטיגע מסירת נפש-אפפערוויליג-קייט פאלען אפ אלע פראגען, וואס טיילען אפ דעם דיכטער פון פראקטי-שען טוער.

איך האב א נאמען געגעבען מיין ארטיקעל „היימאט'ס-קלאנגען". דער נאמען איז נישט מיינער. ער געהערט צו אונזער ליבען לייב יפה. זיינע מאמרים וועגען ארץ-ישראל און ציוני-סטישע השתפכות הנפש האבען גע-קריגען אט דעם נאמען.

אין דער פריהערדיגער יוגענד האט ער דערהערט די קלאנגען פון אונזער היימאט און האט זיך אין גאנצען גע-אפפערט צו וועקען אין אונז דעם דורכ'ן גלות פערטויבטען חוש השמועה צו דערהערען יענע הערליכע קלאנגען, וואס טראגען זיך פון אונזער היימאט.

אין די טעג, ווען אונזער היימאט'ס רופער איז מיט אונז, זאל דערהערט ווערען יענער פרעכטיגער קול פון טרייסט פון האפנונג, וואס רופט אונז צו א נייע פערשטארקטער ארבייט. אהן חקירות, אהן רייסעניש, נור אויפריכטיג און הארציג זאל יעדער פון אונז אי-בערנעמען כאטש א שפינות שבשמינית פון דער שווערער און פעראנטווארט-ליכער ארבייט פון „קרן היסוד", צו וועלכער עס רופט אונז לייב יפה.

מ. ל.



די שענסטע
טאפעטען
צו זעהר ביליגע פרייזען
קען מען נור בעקומען
אין דער לאנג-יעהריגע פירמע
ש. שטיינמאן
ראדאם
לובלינער 21.



# וואס הערט זיך אין ראדאם.

## ראדאם אונטער די אײז-שטעכעדיגע נעגעל פון די מורא'דיגע פרעסט.

**הונדערטער אבגעפרױרענע אױרען, נעז, פיס — ברונעס װערען פערפרױרען, די רעהרען פלאצען — ס'פעהלט אױס קױהלען — דער האנדעל איז פאראליזירט — גאס'ס-צארען אױסגעגאסען אױף די ארימעלײט — מען צעהאקט די בעטען, כדי צו מאכען א ביסעל פײער און מ'שלאפט אױף דער ערד.**

זײט דער פאריגער װאך ביז הײנט האלטען די פרעסט צװישען 20 ביז 30 גראד און מעהר. די אונערטרעגליכע קעלטען רופען ארױס א פאניק צװישען דער בעפעלקערונג. נישטא קײן קױהלען, ס'פעהלט אױך אױס װאסער און דערצו אנ'אונגעהױרע צאהל פון געליטענע פונ'ם פראסט, אפגעפריהרונג פון אױרען, נאז און פינגער.

אין דער קראנקען-קאסע איז פול מיט אבגעפרױרענע. די שפיטעלער, װי אױך פריװאטע דאקטױרים האבען צוגעקריגען שפאנעל-נײע סעזאהן-פאציענטען.

אזא װינטער מיט אזעלכע פרעסט געדענקען אין ראדאם נישט די עלטסטע מענשען.

די גאסען זענען פוסט, מענשען לױפען, װי פער'סמ'טע מײז, נאר אריבער די גאס.

די מורא'דיגע קעלט ברענגט אומגעהױרען שאדען און קודם כל לײדט די ארימע בעפעלקערונג, װעלכע איז צום װינטער נישט צוגעגרײט און דער הײנטיגער װינטער האט איהר אײנגאנצען דערשלאגען.

די שרעקליכע פרעסט זענען אנ'אומגליק פאר דער ראדאמער בעפעלקערונג. דער האנדעל איז אבגעשטארבען. װארימע זאכען װעט מען דאך איצט נישט קױפען און װעגען זומערדיגע הױבט זיך אפילו נישט אן צוקלערען.

זיצען די מאנופאקטור-און-טריקאטאזש-סוחרים אהן א גראשען פדיון. א שטילשטאנד איז אױך אין די אײזען און בױ-בראנזשעס, מחמת צוליב די גרױסע פרעסט זענען אלע ארבײטען אבגעשטעלט געװארען. מען לײזט נאר פאר די נױטװענדיגסטע לעבענס-מיטלען פאר האלץ און שטײן-קױהלען, װאס זענען אגב, איצט זעהר פערטײערט געװארען, װארום צוליב די פרעסט און פערשנײעטע באהן-װעגען קומען איצט נישט אן קײן װאגאנען קױהלען פון אױבער-שלעזיען. אױב די טראנספארטען קױהלען זאלען װײטער נישט אנקומען, װעלען געצװאונגען זײן א גאנצע רײהע ראדאמער פאבריקען און הױפטזעכליך די גארבערײען, װאס טרײבען די ארבײט מיט קױהלען, אבשטעלען זײער טהעטיגקײט. צוליב די פרעסט פיהרען די פױערים װעניג צו האלץ, קארטאפעל און אנדערע ירקות, אױף װאס ס'איז טאקע איצט געװארען א גרױסער יקרות.

אממעהרסטען לײדען פון די פרעסט די גאס-מענשען, מעק-הענדלער, דראשקער, פוהרמאנעס, װאס האבען איצט נישט קײן שטאך-ארבײט און לײדען הונגער און קעלט. װעגען אונזערע ארבײטסלאזע און ארימע לײט — איז דאך שױן אבגערעדט. צוליב'ן גרױסען פראסט טרעפען כסדר אומגליקספאלען מיט מענשען, װאס פריהרען אב זײערע איבערים, עס זענען פאראן קרבנות צוליב די שטארקע פרעסט.

פאריגע װאך איז אין שוהל-גאס אראבגעפאלען אין א קעלער ארײן דער יונגערמאן ליב פארבמאן. ער איז געגאנגען דארט צו עפיצען זיך בארגען אביסעל קױהלען און איז פון אראבפאל געהרג'עט געװארען אױפ'ן ארט. אױף װיסאקא גאס איז א קינד פון 6 װאכען געפרױרען געװארען, בעת די מוטער איז אװעק קױפען א פאר קילא קױהלען.

אין פיל ארימע שטובען האט מען צעהאקט מיט העק די בעטען, כדי צו האבען מיט עפעס צו דערװארימען די שטוב און איצט ליגט מען דארט אױף דער גאלער ערד.

אין די גאסען האט די גאזאנשטאלט אױפגעשטעלט פײערהײצערס, װאו די דורכגעהער װארימען זיך אביסעל אן בײם פײער.




PISTOLET
Straszak № 6 niemieckiej roboty, naboje metalowe, kal. 6 mm. Huk ogromny, obrona od złodziei, mieszkań, letnisk, furmanek, rowerów, samochodów, odstrasza od ogrodów owoc. wrony i złodziei etc. Wysyłamy bez pozwolenia. Cena z przesyłką zł. 12 — Setka naboi 5 zł., futerał 2.50 zł., oliwa 1.— zł.
Reparacja broni. Zamiana. Komis.
Wyciąć i zachować!
Składnica broni, amunicji i przyborów sportowych
T. FALKOWSKI
WARSZAWA, ulica Widok № 22 naprzeciw Dworca Głównego



*Od wielu lat już istniejące*
**Biuro Próśb** TŁOMACZEŃ — i — PRZEPISYWAŃ
p. f. „PROLITEX"
RADOM, WAŁOWA 5, oficyna I-e piętro.
USKUTECZNIA
Podania, skargi, opozycje, apelacje w sprawach cywilnych, karnych, wojskowych i paszportowych oraz rekursy do wszystkich urzędów państwowych i administracyjnych
KORESPONDENCJA HANDLOWA
Umowy i punkt. przedrejentalne


ארײנשרײבען װעגען דעם אין צײטונג. נישט די מעשה מײן איך, נאר װי א אנאנס. איהר פערשטײט זאגט אזױ: „עס איז געפונען געװארען א װײב, מען קען איהר אפנעמען לױט סמנים דא און דא". אדער למשל אזױ: „צוליב א טעות, איז אױפ'ן אװענד ארײנגעפאלען צו מיר א פרעמד װײב. איך בעט דעם ערליכען מאן קומען איהר אפנעמען". און װי זאגט איהר, עס טױג נישט אזא אנאנס?

נײן—רוף איך זיך אפ-איהר דארפט װיסען, זאג איך צום יונגערמאן, אז אזא מין אנאנס װעט גארנישט העלפען קײן אײן מאן װעט זיך נישט אפרופען. און איך נעם די פעדער און שרײב אן פאלגענדען נוסח:

> **התראה!**
>
> דער פערזאן, װעמענס נאמען איז מיר בעקאנט און װעמענס װײב איז ארײנגעפאלען צו מיר אױפ'ן מאסקען-באל צוליב א טעות פון א [illegible], בין איך מתרה, אז אױב אין משך פון 24 שעה װעט ער נישט קומען אפנעמען זײן פערזעהניש, װעל איך זײן געצװאונגען פערעפענטליכען אין צײטונג.

— זײער גוט, זײער גוט! איך דאנק פיעל מאהל. הײסט עס, אז אין הײנטיגען פרײטאג'דיגען נומער װעט עס זײן! — האט דער יונגערמאן א צופרידענער מיר געדריקט די האנט און זיך געזעגנט.

כ'האב ערפילט מײן צוזאג און עס טאקע ארײנגעשטעלט אין בלאט.

א. ז—סקי




דאס בעסטע שפײזפעטס צום בראטען, פרעגלען און באקען איז „פאטאקאל"
די בעסטע פלאנצען-פוטער „פאטאקאנא"
דאס בעסטע שפײז-אײל „פאטאק"

אלץ אונטער דער שטרענגער השגחה פון דעם בענדינער ראבינאט.

## ס'איז שויז צוגענומען געוואָרען דאָס רעכט צו פיהרען וואַרשטאַטען ביי פיל האַנדווערקער.

### דער ענדגילטיגער טערמין צו רעיעסטרירען די וואַרשטאַטען איז דער 20־טער דעם חודש.

צו יעדער צייט אינפאָרמירט די פערוואַלטונג פון האנדווערקער־קלוב די מיטגלידער וועגען יעדער אַמטליכער מעלדונג סיי בנוגע מלוכה'שע, אָדער קאָמונאַלע. אָבער א גרויסע טייל פון די מיטגלידער לייגען נישט קיין אכט אויף דעם. אָדער בעסער, פיל לאָכען נאָך אויס און רעדען אנדערע אָפּ פון אדורכפיהרען די געהעריגע פאָרמאַליטעטען.

אין פערלויף פון די וואָך האָבען צענדליגער האנדווערקער פון אלע סאָרטען איבערהויפּט קצבים שוין בעקומען צוגעשיקט פעראָרדנונגען פון סטאראָסטווע, לויט וועלכע ס'איז זיי פערבאָטען צו פיהרען ווייטער זייערע וואַרשטאַטען (די קצבים דראָהט נישט אריינגעלאָזט צו ווערען אין שחט־הויז אריין).

דעם 20־טען דעם חודש איז דער ענדגילטיגער־פעסטגעשטעלטער טערמין וואָס מ'קען זיך נאָך רעיעסטרירען.

ביי דער געלעגענהייט מאַכען מיר אויפמערקזאם די יעניגע וואָס האָבען בעקומען פעראָרדנונגען צו פערמאַכען זייערע וואַרשטאַטען דאָס זיי זאָלען אין טאָג פון דערהאַלטען דעם אָפּזאָג אומבעדינגט זיך מעלדען אין סעקרעטאַר[illegible] פון קלוב כדי צו אינטערווע[illegible] נירען ביי דער מאכט.

סעקר. סטראָוושינסקי

• • •

היינטיגען זונטאג איז אין קלוב פאַרגעקומען א פערזאמלונג פון די היגע יודישע צוקערניקעס וועלכע האָבען בעשלאָסען צו גרינדען אָנ'איינעמעס צעך און אויסארבייטען א סטאַטוט. ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרען אז צום דאָזיגען צעך זאָלען אויך זיך איינשליסען די צוקערניקעס פון דער פּראָווינץ.

## וועגען א שפּאַלטונג אין דער ראַדאָמער פ. צ. ס.

### די סענסאַציאָנעלע ידיעה פון די „אָפּיניע" און די הכחשה אין שטאָדט־ראַט.

פאַראַכטאָגען דאָנערשטאָג האָט די היגע „אָפּיניע" ספּעציעל ארויסגעלאָזט א עקסטרא אויסגאַבע, מיטטיילענדיג, אז די ראַדאָמער פּ. פּ. ס. שפּאַלט זיך און ברעכט זיך אויף צוויי אָרגאַניזאַציעס. די צייטונג האָט אין איהר סענסאַציע - נייעס איבערגעגעבען, אז ערגיץ אין א פּריוואַטע וואָהנונג אויף פּילסודסקי גאַס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען א געהיימע בעראַטונג פון היגע פּעפּעעסישע מהווער און ראַטמענער וועגען שאַפען אין ראַדאָם א פּ. פּ. ס. א. נ. „די אַלטע רעוואָלוציאָנערע פראַקציע". „אָפּיניע" האָט זאָגאר אָנגערופען 5 נעמען פון אָנגעזעהענע פּ. פּ. ס'ישע ראַטמענער, אז זיי זאָלען דאָס זיין די שפּיצען פון דער אָרגאַניזאַציע און, אז אויף דער זיצונג פון שטאָדט־ראַט דעם זעלבען אָוונד [illegible] זיי מאַכען ארויסטרעטען מיט א דעקלאַראַציע. וואָס זיי וועלען פּראָקלאַמירען פון דער טריבונע, אז זיי טיילען זיך אָב פון זייערע איבעריגע פּאַרטיי־חברים און שאַפען א בעזונדערע פראַקציע אין שטאָדט־ראַט.

די דאָזיגע ידיעה האָט אין שטאָדט געמאַכט א רושם און אין אָוונט, בעת די זיצונג, איז די גאַלעריע איבערגעפולט געווען פון נייגעריגע. די ידיעה פון דער „אָפּיניע" האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען פאַר נישט ריכטיג. באַלד נאָך איידער די זיצונג האָט זיך אָנגעהויבען האָט דער פּרעזעס פון שט.־ראַט ה' קעלעס־קראַוו געזאָגט. דאָס וואָרט דעם פּעפּעסישען ראַטמאַן קאַרייאָווסקי, וועלכער האָט ערקלערט, אז די ידיעה פון „אָפּיניע" איז פאַלש און, אז ער און זיינע איבעריגע פּאַרטיי חברים, וועגען וועלכע די „אָפּיניע" מאַכט עס די רעוואָלוציע, ווייסען נישט פון אזא געהיימע זיצונג, און זיי האָבען קיין שום שייכות נישט צו דער אָווי־גערופענער ב. ב. כ.

לויט'ן טאָהן פון „אָפּיניע" און די ערקלערונגען פון די פּ. פּ. ס'ישע ראַטמענער איז געווען משער צו זיין, אז דאָ האָט זיך געהאַנדעלט וועגען א פּאָליטישע אָריענטאַציע אויף דער זייט פון דער סאַנאַציע לויט'ן נוסח פון ס. פּ. ס'ישען דעפּוטאַט יאַוואָראָווסקי. ד. ה., אז א טייל פּעפּעסישע ראַטמענער זאָלען צושטעהן צום סאַנאַציע־לאַגער אין שטאָדט־ראַט און ממילא אזוי נאָך צוברעכען די מעהרהייט פון דער פּ. פּ. ס, אלס איבערוויגענדע מאַכט.

נאָכ'ן ערלעדיגען די פּאַרטיי פראַגע האָט פּרעזידענט גזשעטשנאָראָהסקי קאָמוניקירט, אז צום מאַגיסטראַט האָט זיך געווענדעט פּאַרשטעהער פון אויסלענדישע פירמעס מיט א פּראָפּאָזיציע אויפצושטעלען א קאָנסערווען־פאַבריק פון פלייש, ירקות, פרוכטען און מאַרמאַלאַד. די דאָזיגע פאַבריק קאָן בעשעפטיגען ביז 400 ארבייטער עס ווערען שוין זאָגאר אין דער ריכטונג געפיהרט פּערטראַקטאַציעס און ווען זיי וועלען פּערענדיגט ווערען, ערקלערט דער פּרעזידענט, וועט דער בעשלוס פון מאַגיסטראַט מיטגעטיילט ווערען דעם שטאָדט־ראַט.

- [illegible] די ווייטערדיגע פּונקטען איז א ב[illegible]עשיקט געוואָרען צו ווער רעפּ[illegible] פּאָפּיע דער בעריכט פון מאַגיסטראַט בנוגע דעם יודישען פון 28|1927 צוזאַמען מיט דער אָנגענומענער הלואה־פאָרשלאג פון 30 טויזענד

GAZOWNIA MIEJSKA
SPRZEDAJE
po cenach przystępnych
KOKS i SMOŁĘ
Kuchenki gazowe jedno i dwupłomienne Kuchnie familijne i hotelowe
Piecyki do ogrzewania lokali od 70 zł. i wzwyż Piecyki kąpielowe
Piecyki kuchenne do pieczenia Żelazka do prasowania — domowe i krawieckie
Pogrzewacze do rurek fryzjerskich „Terma" automatyczne pogrzewacze
do wody dla PP. lekarzy, dentystów, fryzjerów i t. p. zawodów.
Wszystkie aparaty gazowe sprzedaje się na dogodnych warunkach.
Gazownia wykonuje instalacje domowe na dogodnych warunkach.
Aparaty gazowe obejrzeć można w składnicy na Młodzianowie
od godziny 10-ej do godz. 14-ej. Wszelkich informacji udziela Biuro Gazowni tel. 134.
GAZOWNIA MIEJSKA
DYREKCJA.

זלאָטעס פאר „סיראָפּאָספּאַט".

אַ לענגערע רעדע האלט ה.-פרעזי-דענט אוזיעמבלאָ, וועלכער בעווייזט מיט ציפערן, אז די פערשפרייטע קלאַנ-גען וועגען ביזוויליגע מענשען, אז דער מאַגיסטראַט איז באנקראַט, האָבען נישט היגטער זיך דעם מינדעסטען גרונד.

א בעריכט האָט אויך אָנגעגעבען דער דירעקטאָר פון „סוראָפּאָספּאַט" אינזש. ראדאָמסקי, וועלכער האָט בעגי-קענט דעם שטאָדט-ראַט מיט די רעזול-טאַטען פון זיין ביז-אהעריגער ארבייט אין דער נייער שטאָדטישער אונטער-נעהמונג.

צווישען אנדערעס האָט דער שטאָדט-ראַט בעאויפטראַגט דעם מאגיסטראַט צו מאכען פייער אויף די גאסען אין דער צייט פון די שטאַרקע פרעסט.

## אויפלעבונג'ס-אַקציע פון דער היגער האַנדװ.-אָרגאַניזאַציע.

## קאָמוניקאַט.

די צייטווייליגע קאָמיסיע, וועלכע פיהרט אָן מיט דער אויפלעבונג'ס-ארבייט ביים האנדוו.-קלוב, האָט גערו-פען א קאָנפערענץ פון אלע האנדווער-קער-טהוער, וועלכע זענען פערטרעטען אין פערשידענע אַמטען. אויף דער קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען די טעג, האָבען אנטייל גענומען די ה"ה מ. רובינשטיין - (אוזשאָנד סקארבאָווי) איידעלבוים, גוטמאן, פעלדמאן (קהלה) ח. קאָרמאן (איזבאַ סקארבאָווע אין קעלץ), קאָמליאר (שטאָדט-ראַט), קאָסאָי (האנדווערקער-באנק) און נאָך פאַרשטע-הער, וועלכע שטעהען אקטיוו ביי דער ארבייט.

זייער צוועק פון דער קאָנפערענץ איז צו שאפען א ענגען קאָנטאַקט ראשית צווישען די פערטרעטער גופא. דאָס הייסט, אז די אלע יעניגע וועלכע בע-זיצען מאנדאטען זאָלען בעקומען שטענ-דיגע דירעקטיווען און זאָלען זיין פער-אנטוואָרטליך פאר זייער אויספיהרען, און צווייטענס זאָל געשאַפען ווערען א קאָנטאקט צווישען אלע פאַרשטעהער און די ברייטערע מאַסען, וועלכע זיי פערטרעטען.

נאָכדעם איז בעשלאָסען געוואָרען, אז אלע חברים, וועלכע האבען פער-טרעטערשאפטען אין פערשידענע אי-נשטאנדען, הן פון דער רעגירונג, ווי אויך געזעלשאפטליכע וועלען זיך מיט אלע כחות בעמיהען צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון אלע מיטגלידער פון האנדוו.-קלוב.

אום כדי די ארבייט זאָל געפיהרט ווערען נאָרמאַל און פלאַנמעסיג מוז יעדער איינציגער מיטגליד, וועלכער פיהלט זיך בע'עוולה'ט — פון וואנען די עוולה זאָל אַלץ נישט שטאַמען — תיכף מעלדען אין ביורא פון האנדוו.-קלוב. דאָרט וועט ער באַלד אויסגע-הערט ווערען און ס'וועט באלד צוגויפ-געקליבען הערען דער געהעריגער מא-טעריאַל, מיט וועלכען ס'וועט באַלד אינטערווענירען דער ענטשפרעכענדער פאַרשטעהער. ס'איז דאָך א פערשטענד-ליכע זאַך, אז אונזערע פארשטעהער זענען סוף כל סוף מענשען, וועלכע ארבייטען שווער אויף זייער פרנסה און הכן מ'זאָל צו זיי קומען אין א מיטען געווענליכען טאָג זיי אָבריישען פון דער ארבייט, מיט וועלכע זיי זענען בעשעפטיגט, הצא דאָס זיי נישט געגעבען די מעגליכקייט צו אָריענטירען זיך און בעטראַכטען [illegible] וועגען וועלכען זיי דאַרפען [illegible] בידען. גאַנץ אנדערש איז אָבער, ווען דער גאַנצער מאַטעריאַל ווערט סיסטע-מאַטיש און נאָכקענערישע צוזאַמענגע-שטעלט הערען [illegible] ביורא, וועלכער וועט עס איבערגעבען אין דער גע-העריגער בעלױכטונג, און אין די צייט פון רוהיגע שעה'ן וועלען זיך די בעט-רעפענדע פאַרשטעהער דערמיט בע-קאָנען.

דאָס ביורא פון קלוב, וועלכע האָט צו זיין דיספּאָזיציע א רוטינירטען או-האָקאַט, וועט בשותפות מיט דער פאר-שטעהערשאַפט'ס - רעפּרעזענטאַנץ פון קלוב בעהאַנדלען אלע אקטועלע און נויטיגע פראַגען, כדי אין פאַל פון אינ-טערהענץ זאָלען די האנדווערקער - פאר-שטעהער קאָנען מוטיג און דרייסט אַרויסטרעטען אין פערטיידיגונג ס-קאַמף פאר זייערע מיטגלידער, שטיצענדיג זיך אויפ'ן יורידיש געזעצליכען און גע-רעכטיגקייט'ס-פּרינציפּ, אזוי, אז ווייטער [illegible] זאָל געגעבען א טיפען אָבקלאַנג אין אלע אינסטאַנצען, וואו די האנדוו-ערקער אינטערעסען וועלען בעהאנדעלט ווערען. מיט איין וואָרט, מיט'ן אָרגאַני-זירען דאָס ביורא ווערט איינגעפיהרט ווערען א פּארלאַמענטארער סיסטעם אין דער געזעלשאַפטליכער טהעטיגקייט פון קלוב אויף פערשידענע געביעטען.

אויספיהר-קאָמיטעט.

## בריעף אין רעדאַקציע.

ג. ה' רעדאַקטאָר!

איך האָב דעם כבוד אייך צו בעטען איהר זאָלט געפעליגסט מיר געבען אָרט פאר מיינע פאָלגענדע שורות:

פרייטאָג צונאכט'ס דעם 25/1 בין איך אויסגעפאלען אויף זעהר אָנ'ערנ-סטען אופן. ווי בעוויסט איז ביינאכט זעהר שווער צובעקומען א דאָקטאָר, האָב איך מיך דעריבער געווענדעט צום אָפּיעקון פון דער געזעל. „לינת הצדק" ה' שמעלקי ביאַלסקי וועלכער האָט מיר מאָמענטאַל נעגעבען א דאָקטאָר, וואָס האָט מיר ערטיילט די נויטיגע מעדיצי-נישע הילף, א דאַנק וועם איך בין צו-ריקגעקומען צו מיין געזונט-צושטאַנד.

איך דריק אויס עפענטליך מיין מיט-ספען דאַנק די חשוב'ע פערוואַלטונג פון „לינת הצדק" פאר איהר אינטענ-סיווער ארבייט.

מיט אַכטונג

אביש בערקאָוויטש

ראדאָם, נאָוואָגראָדזקא 20


# KINO „ODEON" w RADOMIU.

**Od Poniedziałku d. 18 Lutego 1929 r.**

Największy przebój obecnego sezonu, o którym już krążą legendy, p. t.

# Tajemnice Wschodu (SZEHEREZADA)

**CUDO TECHNIKI. ——— SZCZYT ARTYZMU.**

Genjusz artysty malarza i artysty dekoratora — stworzyły istna cudo.

Wystawa tago obrazu pochłonęła miljony dolarów.

Obraz ten to poemat, każda scena wzbudza zachwyt, każda scena czaruje, jedna piękniejsza od drugiej.

Pozatem jeszcze i gra takich asów ekranu jak: *Iwan Petrowicz, Marcela Albani, Mikołaj Koltn, Agnes Petersen-Mozżuchinowa, Dita Parlo i Aleks. Wertyński*

a ponadto reżyserja **ALEKS. WOŁKOWA** dopełniły całości którą dzięki rozmachowi można nazwać dziełem gigantycznym.



## דאַנקזאַגונג.

די ראדאָמער געזעלשאַפט „ע ז ר ה" דריקט אויס איהר הערצליכסטען דאַנק דער אַקציאָנס - געזעלשאפט „אמאדרא" אין דאַנציג פאַר איהר געפעליגען געשאנק ערטיילענדיג אַ קעסטעל קאָקוס-פוטער לטובת דער אומזיסטער סוך ביי דער „ע ז ר ה", וואָס איז ערהאַלטען געוואָרען דורכ'ן דירעקטאָר פון דער גענעראַל-פערטרעטונג אין ראדאָם ה' **ז י ל ב ע ר.**

ס'איז כדאי צו בעצייכנען, אַז די „א מ א ד א"-פ ו ט ע ר האָט זיך ביים בענוצען ארויסגעוויזען אַלס א זעהר גוטע פ ו ט ע ר מיט איהר געשמאַק און נארהאפטיגקייט.

געזעלש. **„עזרה"** אין ראדאָם.



## PODZIĘKOWANIE.

T-wu Akc. „AMADA" w Gdańsku wyraża serdeczne podziękowanie Stow. „EZRA" w Radomiu za łaskawą ofiarę na rzecz bezpłatnej kuchni (skrzynka masła roślinnego) otrzymaną przez

p. **Zylbera**

Dyrektora wyżej wymienionej firmy. Warto zaznaczyć że masło to w użyciu okazało się b. smaczne.

**Tow. „EZRA" w Radomiu.**

## שעמט אייך ראדאמער יודישע גבירים און גביר'טעס.

די פרוי מאניע פישמאן רוויינסקא 9, די פרוי פון בעקאנטען האנדווערקער-טהוער מלך פישמאן האט היינטיגען מיטהאך אוועקגעשטעלט פאר איהר הויז א גאנצע פיהר קויהלען און גע-הייסען די ארימע דורכגעהער נעמען וויפיעל זיי ווילען. דערביי האט זי נישט געמאכט קיין אונטערשיד פון יודען און נישט-יודען.

די ארימע, אויסגעפרוירענע דורכגעהער זענען צוגעפאלען צו די קויהלען ווי הונגעריגע צו א שטיקעל ברויט און געבענשט די דאזיגע גוטהערציגע פרוי.

די זאטע, רייכע יודישע גבירים האבען פערשלאסען זייערע שפייכלעכ'ס מיט קויהלען אויף זיבען שלעסער. די יודישע גביר'טעס זיצען זיך אין זייערע ווארימע סאלאנען. זיי פיהלען נישט די גרויסע נויט און קעלט פון די ארימע מאסען, זאלען זיי זיך וואש פערשעמען און נאכטוהן דעם ביישפיעל פון דער דאזיגער בעשיידענער האנדווערקער פרוי.

## פון סוחרים-פעראיין

דער סטאראסטא האט אויפגעפאדערט דעם סוחרים-פעראיין, ער זאל רופען אלע שפייז-און-מעהל-סוחרים וועלכע זאלען אויפגעבען וויפיעל מעהל זיי האבען אין זייער בעזיץ און וועלכע מינים.

די גרויס און די וואג פון יעדען סארט בעזונדער מוז זיין אויפגעגעבען גענוי וויפיעל קילאגראם. ווער ס'וועט זיך דערצו נישט צו פאסען, אדער אויפגעבען נישט פינקטליך, מעלדעט דער סטאראסטא, דראהט די יעניגע אדמיניסטראטיווע שטראף 10,000 זל. עווענטועל 6 וואכען ארעסט.

דעם סוחרים-פעראיין ווערט געגעבען צייט צו צושטעלען אויספיהרליכע רשימות פון אלע מעהל-זאפאסען, אמ-שפעטסטענס ביז'ן 23-טען ה. ח.

## פון דער ציוניסטישער יוגענד-בעוועגונג

דעם לעצטען שבת האט דער „ברית-טרומפלדור", אין צוזאמענהאנג מיט די אקציע פון די אזוי גערופענע „אונאבהענגיגע ציוניסטען", איינגעאָרדענט אין לאקאל פון דער ציונ. ארג. א עפענטליכע דיסקוסיע א. ד. ט. „די לעצטע רייבונגען אין דער ציונ. ארג.", צו וועלכער עס איז געקומען זעהר א גרויסער עולם. אין דער דיסקוסיע האבען אנטייל גענומען די ה"ה: סאחא, סאלבע, לעשטש און אנד. וועלכע ראבען זיך ארויסגעזאגט וועגען דער שטעלונג וועלכע די היגע ציונ. גרופירינגען דארפען איננעמען בנוגע די אקציע פון די „אונאבהענגיגע". די דיסקוסיע, וועלכע האט געדויערט קנאפע 4 שעה, איז פערענדיגט געווארען מיט'ן אננעהמען א ענטשפרעכענדע רעזאלוציע אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט די סימפאטיע פאר דער דאזיגער אקציע.

אין אלגעמיין ווייזט ארויס דער „ברית טרומפלדור" די לעצטע צייט א לעבהאפטע טעטיגקייט. די ארגאניזאציע צעהלט איבער 80 מיטגלידער. לעצטענס זענען צום „בית'ר" איבערגעגאנגען א גרעסערע צאהל מיטגליעדער פון דער היגער ציונ. יוגענד-ארג.

די אנפיהרערשאפט מאכט די נויטיגע הכנות איינצוארדנען פאר די מיטגלידער א זומער-קאלאניע, וואו אלע און ספעציעל די ארבייטענדע, נישט פערמעגליכע חברים-ות זאלען קאנען פערברענגען עטליכע וואכען און געפוינען א אברוה נאך זייערער שווערער ארבייט פון א גאנץ יאהר.

אויך בעמיהט זיך דער „בית'ר" צו שאפען אנ'אייגענעם ארקעסטער און צו דעם צוועק וועט די ארגאנ. ביי דער מיטהילף פון אונזער צייטונג איינארדנען א קיים, כדי איהר ערמעגליך צו מאכען דאס שאפען די נויטיגע סומע.

עס איז צו האפען אז די היגע יודישע געזעלשאפט וועט זיך לעבהאפט בעטייליגען אין דער אקציע, נעהמענדיג אין אכט די ערקלערונג פון פיהרער פון „ברית-טרומפלדור", ה' סאווא, דאס דער דאזיגער ארקעסטער וועט אנטהיילנעמען אין אלערליי אימפרעזעס וועלכע וועלען איינגעאָרדענט ווערען דורך די היגע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס.

## לייב יפה'ס בעזוך אבגעלעגט געווארען

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט האט היינטיגען מיטוואך געזאלט קומען קיין ראדאם דער גייסטרייכער און בעריהמטער העברעאישער דיכטער לייב יפה. צוליב די גרויסע, אונגעוועהנליכע פרעסט איז זיין בעזוך אבגעלעגט געווארען ביז אין וועטער וועט אדיינטרעטען א לינדערונג.


OGŁOSZENIE

W dniu I stycznia b. r. otwarta została w Radomiu przy ul. Lubelskiej 39 w dawnym lokalu Składu fabrycznego Johan Cohn i Sp.

„Centrala Mebli Giętych Biurowych Salonowych i Dziecinnych"

która stale posiada na składzie duży wybór mebli z pierwszorzędnych fabryk krajowych oraz urządzenia biurowe z Pabianickiej Fabryki Mebli Biurowych

Ceny konkurencyjne　　Warunki dogodne

z poważaniem

*Centrala mebli giętych i biurowych*

S-ka z ogr. odp.

w Radomiu ul. Lubelska 39

Kino „NOWE CZARY" קינא

אנאנס!　　פון מאנטאג דעם 18 ה. ח.　　אנאנס!

ווערט דעמאנסטרירט א אונפערגלייכליך בילד, וואס האט טריאומפירענד דורכמאשירט דעם גאנצען ערד-קוגעל אין דער לענג און ברייט און איבעראל אויסגענומען מיט א זיגרייכען ערפאלג. דאס בילד טראגט דעם נאמען

NIEPOTRZEBNY CZŁOWIEK

(דער אומנויטיגער מענש)

אויפ'ן עקראן ערשיינט דער רוהמפולער און געניאלער טראגיקער עמיל יאנינגס וועלכער האט אין דעם בילד זיין ארויסגערוקט מיט זיין ווירטואזישן אויף דער העכסטער מדרגה פון שוישפיל קונסט.

דאס שפיעלען איז אנציהענד, ענטהאלט א רייסלענדע מאמענטען, פול מיט עמאציע און האלט דעם צושויער אין דער גרעסטער שפאנונג און ווירקט אויך איהם ווי מיט א כשוף-קראפט.

ארגאניזאציע „מסדה“ אין ראדאם.

קאמוניקאט.

זונטאג דעם 17 ד. מ. 8 אווענד קומט פאר אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע (לובלינער 25) א רעפעראט פון ה׳ אלעקסאנדער קירשברוין (א זוהן פון דעם. קירשברוין א. ד. ס.) „רעוויזיאניזם-מסדה-זייערע צילען און וועגען“.

איינגאנג פאר אלע! — די פערוואלטונג

---

# צו די אויפמערקזאמקייט
## פון אלע ווירטען פון ראדאם און אומגעגענד

ביים קויפען עסיג זייט פארזיכטיג און לייגט אכט אויף די פאבריקס מארקע „ZDROWIE“ Przednowek, וועלכע ענטהאלט די ריכטיגסטע דאזע שטארקייט און אונטערשיידעט זיך גענצליך פון אנדערע קאנקורענץ עסיג-אויסארבייטונגען. ווען איהר שיקט אייער הויז-דינסטמאדעל אין געשעפט צו קויפען עסיג מאכט זיי אויפמערקזאם אויף די פירמע „Zdrowie“ וועמענס עסיג איז דיסטילירט און דורך כעמישע לאבאראטאריום פון אנטוויקלט געווארען אלס דער בעסטער היגיענישסטער עסיג און איז דער איינציגער וואס איז גענצליך ריין פון סוראגאט-עלעמענטען און איז אזוי נאך דער בעסטער עסיג. די פירמע „זדראוויע“ איז בעשאנקען געווארען מיט א גאלדענעם מעדאל אויף דער פאריזער אויסשטעלונג.

אונזער׳ס א פלאש עסיג קאסט נור 20 גר.

עסיג פאבריק „ZDROWIE“

N. Przednowek.

---

Kolegom MOJŻESZOWI i JAKÓBOWI
z powodu śmierci brata Ich B. P.

ZECHARJASZA WAJSMANA

wyrażają współczucie

Wychowawczyni i klasa V

Gimnazjum Tow. „Przyjaciół Wiedzy“ w Radomiu.

---

Koledze naszemu p. CHATKOWI

wyrażają tą drogą słowa szczerego bólu i współczucia

z powodu śmierci brata Jego

ZACHARJASZA WAJSMANA

Dora Rozenberżanka i Dora Wertheim.

---

מיר דריקען אויס אונזער הערצליכסטען מיטגעפיל אונזער לעהרער יחזקאל ווייסמאן צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון זיין ברודער זכריה נ״ע וואס איז געווארען אבגעריסען אין זיינע בליהענדע יאהרען.

די לייטונג און שילער פון די אווענד-קורסען ביי פועלי אגודת ישראל אין ראדאם.

---

ניט מיטגעפיהל נאר טיעפער טרויער בעהערשט אונז צוליעב׳ן אומגעריכטען פאלען פונ׳ם שמאלצען בוים

זכריה

ווייסמאן ז״ל מיט וואס זאלען מיר אייך טרייסטען!

פאמיליע קירשענבוים, קעלץ.

---

מדאבון לבנו אנו מביעים את רגשי השתתפותינו למורנו ורבינו מוהר׳ אלי׳ הכהן פערנמאן נ״י בצערו הגדול על אסונו שקרהו במות עליו באביב ימיו בנו

[illegible] ז״ל.

בעבודתו המסירה לטובת חינוכיו ינוחם.

תלמידי הקבוץ ישיבת „תורת חיים“ ברדום.







---

צו דער פערלאבונג פון אונזער קוזינקע אסתר גליימאן מיט ה׳ ישעי׳ העלפאנט ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב און די עלטערען פיעל נחת.

זיסקינד גליימאן עם פאמיליע.

---

אכטונג האלץ סוחרים פון קעלצער וואיעוואדזטווא

זונטאג דעם 17 לויט ה. י. 4 א זייגער נ. מ. קומט פאר אין קעלץ אין לאקאל פון סוחרים פון קרייז סוחרים-פעראיין (שיענקעוויטשא 19) א צוזאמענפאהר פון אלע האלץ-סוחרים פון קעלצער וואיעוואדזטווא

אויפ׳ן דאזיגען צוזאמענפאהר וועט בעגרינדעט ווערען א קרייז-פעראיין פון אלע האלץ סוחרים פון קעלצער וואיעוואדסטווא.

צוליב דער וויכטיגקייט פון דער זאך ווערען אלע האלץ סוחרים פון קעלצער וואיעוואדסטווא געבעטען אין זייער אייגענעם אינטערעס צו קומען קיין קעלץ אויפ׳ן צוזאמענפאהר.

דער ארגאניזירטער קאמיטעט

הערמאן לעווי, באגאטיר, משה קאפערבערג

ק. ע. ל. ך.

---

# בעקאנטמאכונג.

די לאנג-עקזיסטירענדע פירמע שטיינבאך אין ראדאם האט דעם כבוד בעקאנט צו מאכען די אידישע בעפעלקערונג פון ראדאם און אומגעגענד, אז מיין געשעפט איז פריש רעמאנטירט געווארען און איז פארזעהן מיט א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע קאפעליושען, היטלען לויט דער לעצטער מאדע.

אין געשעפט איז פארהאנען א ספעציעלע אבטיילונג פון גאלאנטעריע סחורה מיט א גרויסען אויסוואהל מענער און דאמען וועש אלע סארטען זאקען, סקארפעטען פון די בעסטע פירמעס.

בעזונדערס א גרויסען סארטימענט קראוואטען, זייגער און שערפאטען.

אלעס צו קאנקורענץ-פרייזען און אין די בעסטע בעדינגונגען.

פירמע שטיינבאך

ראדאם, לובלינער 26.

---

# ערקלערונג.

אזוי ווי די ראדאמער בעקער-מייסטערס האבען זיך ערלויבט צו רעדען אין נאמען פון אלע היגע יודישע צוקערניקעס און נאך גאר געהאט די דרייסטקייט צו וועלען אונז פארזארגען מיט א צעך-ארגאניזאציע אונטער זייער אויטאריטעט — אלזא ערקלערען מיר, אז מיר האבען מיט די בעקער-מייסטערס קיין שום געמיינזאמעס נישט. אונזער פאך בעשטעהט פון א בעזונדערע אויסארבייטונג און געהט אונבעדינגט נישט אריין אין דער קאמפעטענץ פון ברויט-בעקער׳ס.

מיר מאכען בעקאנט אז מיר האבען זיך בעזונדער ארגאניזירט און גוגרינדען א בעזונדערן צעך. מיר ערלויבען נישט א זעלכע מענשען, וואס האבען מיט אונז קיין שום שייכות נישט, צו רעדען אין אונזער נאמען און צו ווערען אונזערע פערזארגער. מיר אנערקענען נישט קיין שום זאך וואס ווערט אהן אונזער וויסען און אהן אונזער הסכם געטהון.

מיר ווענדען זיך גלייכצייטיג צו אונזערע חברים, די יודישע צוקערניקעס, אויף דער פראווינץ, זיך דורכאויס איינצושליסען אין אונזער צעך אין ראדאם און נישט לאזען זיך ארונטערנעמען אונטער קיין שום אנדערען פעראיין, איבערהויפט נישט אונטער די בעקער-פעראיינען, ווייל די אינטערעסען פון אונז צוקערניקעס זענען נישט די זעלבע אינטערעסען וואס ביי געוועהנליכע בעקער׳ס. נעמט דאס גוט אין אכט און שליסט אייך איין וואס פריהער מיט אונז. דאס ליגט אין אייער אייגענעם לעבענס-אינטערעס לאזט אייך נישט אראבפיהרען פון גלייכען וועג, ווייל אנדערש דראהט אייך א געפאהר.

איינשרייבען זיך אלס מיטגליד אין אונזער צעך קען מען יעדען טאג אין סעקרעטאריאט פון קלוב וואל 59 פון 6—10 אווענד.

ארגאניזיר-קאמיסיע פון די יודישע צוקערניקעס ביים האנדווערקער-קלוב אין ראדאם.

Redaktor i Wydawca Ch. M. Herc

Odbito we własnej drukarni, Radom, S… ska 20